## דער ווייטאג פון קאסוב'ער חסידים

די צייטונג קעפלען שרייען טאקע "התרגשות'דיקע 'שבת ראשונה' אפגעראכטן בחצר הקודש קאסוב", און די חרדישע וועלט טוט באוואונדערן די "שלום" צווישן די ברודער, און וויאזוי דער עלטערער ברודער האט מכלומריש "אפגעטרעטן" פאר זיין אינגערן ברודער. קומען מיר דא, קאסוב'ער חסידים, און שרייען בקול רעש גדול: "ס'איז נישט אמת!"

עס טוט באמת ווי צו זיין די וואס "באסטן די באבעל", אבער ס'איז נישט דא מער קיין ברירה, און ווען ס'טוט אזוי ווי שרייט זיך פשוט פון זיך אליין. מיר שרייען דא ארויס אונזער ווי געשריי פון א ווייטאג וואס מיר אלע קאסוב'ער חסידים ליידן שוין צענדליגער יארן.

עס איז שוין יארן וואס די חסידות ליידט פון א גס רוח, פוחז וריק, וואס איז אויסגעצייכנט מיט גרויליקע מידות, א נארסיסיסט און מאניפולאטאר, א ליגענער און א גנב, אן עם הארץ וואס לערענט נישט א פסוק חומש, און אויף אלע איז ער אויך א רשע מרושע און אן עזות פנים. איך רעד דא נישט מער און נישט ווייניגער פונעם רבי'ן'ס עלטסטן זוהן יעקב שמשון המכונה "מהרי"ש".

מיר וועלן אנהייבן מיט'ן סוף און דערנאך צוריקגיין מיט אביסל היסטאריע: להוי ידוע! יעקב שמשון איז קיינמאל נישט געשטעלט געווארן דורך'ן רבי זצ"ל צו גארנישט! דער רבי זצ"ל האט קלאר געמאכט זיין רצון פאר די משפחה און די גבאים אז ער וויל הרה"צ רממ"ד שליט"א זאל איבערנעמען די גאנצע זאך און פערטיג! י"ש האט נישט געדארפט ווערן גארנישט! ער האט געזאלט ממשיך זיין מיט וואס ער האט געטוהן ביז יעצט (יעדן טאג אנדערע ביזנעס דמיונות און שווינדלערייען) און נעלם ווערן פון די קהילה.

ווען י"ש האט דאס געהערט האט ער אנגעהויבן א קאמפיין פון פאלשע בכיות נוראות צו זיין מאמע תליט"א און די גבאים מ'זאל אים "נישט פארשעמען". ער האט געפייניגט און גע'רודף'ט זיין מאמע די גאנצע נאכט פון די פטירה ביז די לוויה אז מ'גייט אים פארשעמען. ער האט אויך געוויינט צו זיין ברודער רממ"ד אז מ'קען אים נישט אזוי פארשעמען. די מאמע האט געבעטן די גבאים און די ראשי קהילה מ'זאל עפעס אויסארבעטן מיט י"ש ווייל ער צאפט איר די בלוט און לאזט איר נישט מנוחה. אויך רממ"ד אליין האט געסטראשעט אז אויב מ'מאכט נישט עפעס מיט י"ש, בלייבט ער וואוינען אין א"י!

בלית ברירה איז מען אויפגעקומען מיט אזא דריידל. מ'גייט אויסרופן ביי די לוויה אז מ'שטעלטביידע פאר רבי, און י"ש וועט מספיד זיין, און "מרוב טובו וענוותנותו" וועט ער זאגן אז ער איז נישט ראוי צו זיין דער מנהיג, ממילא בעט ער זיין ברודער פון א"י זאל קומען קיין ב.פ. איבערנעמען די הנהגה. וכך הוה. ר' שלמה זלמן קליין האט ממש כקפאו שד אויסגערופן אז ביידע ווערן רבי, און י"ש האט מיט זיין פאלשע בכיות געזאגט ער וויל דער ברודער זאל איבערנעמען.

די מאמע, די משפחה, די גבאים און די גאנצע קהילה האבן ליידער געמיינט אז מיט דעם האט מען זאט געמאכט דעם מאנסטער, און ער וועט יעצט שטילערהייט צוריקגיין צו זיין פריוואטער לעבן און אונז אפלאזן. אבער ליידער איז די פאקט און מענטשן לערנען זיך

דאס קיינמאל נישט אויס - אז אויב געבט מען אפילו נאר איינמאל נאך פאר א נארסיסיסטישן מאניפולאטיווער באַלִי, ווערט ער פשוט געוואויר אז ער האט געטראפן א שוואכקייט וואס ער קען פון היינט און ווייטער נאך מער אויסניצן פאר אלע זיינע בייזוויליגע און נידערטרעכטיגע פלענער, און וועט עס אויסקוועטשן ביזן לעצטן טראפ!

לאמיר א רגע נעמען א טריט אויף צוריק (פאר די אלע וואס ווייסן נאכנישט), און מיר וואלטן עס נישט סתם אזוי פארציילט, נאר וויבאלד ווי מ'וועט שוין זעהן איז דאס גאר וויכטיג פאר איינער וואס פאלט יעצט אין די פרשה. עס איז באוואסט אז י"ש האט אפגעפוסט'עוועט זיינע אינגע בחור'ישע יארן מיט כל מיני ליידיגע זאכן און שטותים. ער איז געווען באוואסט אלץ א clown און א actor וואס זיך געמאכט ווי ער וויינט אדער לאכט וכדו ווען ס'האט אויסגעפעלט. ער האט שטייצעך נישט געהאלטן ביים לערנען און קוים געדאווענט. נאכן חתונה האט געמאכט כל מיניה שותפות'ער און ביזנעס געשעפטן וואס אכה"ל, מ'קען אויף דעם אליין שרייבן א בוך. נאר הנוגע לענינינו איז עס איז נישט אז ער איז סתם געווען א דורכשניטלעכער אינגערמאן, וואס ווייל ער איז אין די שאטן פון זיין טאטע האט ער נאר אויסגעזעהן ווי א ליידיגייער. נאר ער איז עקסטרע שטארק ארויסגעשטאנען מיט זיין חסרון אין יראת שמים אזוי אז אלע ארומיגע האבן ממש געשטוינט היתכן א חסידישע אינגערמאן פירט זיך אזוי אויף.

און טאמער האט זיין געפירעכץ אליין נישט געברערגט געגוג צער און בושות פאר זיין טאטע, פלעגט ער צו דעם אויך ארום גיין צווישען באקאנטע און באשמוצן זיין טאטע. יא. עס גלייבט זיך שווער, אבער עס איז ליידער אמת. ער איז געווען מלא טענות אויף זיין טאטע על דא ועל הא. און ער גייט כסדר ארום עס פארציילן פאר ווער ס'וויל נאר הערן דערוועגן.

מיט יארן צוריק, ביים ערשט'ן קאמפיין פאר א בית מדרש, איז ער פאר א תקופה געווען פארמישט און די קויפן און אין די בויען פון די בית מדרש. הונדעטער טויזענטער דאלער זענען דעמאלט פארשווינדען געווארן און עס האט כמעט אונטערגעברענגט די גאנצע קהילה. למעשה האט מען עס פארשוויגן און "מסדר געווען" און איהם שנעל ארויסגערוקט פון די גאנצע פרויעקט. אבער ער פלעגט אויך דא אין דארט גנב'ענען פון זיין טאטע'ס הייליגע בגדים וכדו' און עס אוועקגעבן במתנה פאר מענטשן וואס האבן איהם געגעבן געלט "פאר די נייע שוהל" וואס למעשה איז די געלט קיינמאל נישט אנגעקומען אין קיין שום קאסע.

הגם די אלע זאכן זענען אפשר נישט באוואוסט אויף די גאנצע וועלט, און עס וועט מעגליך קומען ווי א דינער אונמיטן העלן טאג פאר מענטשן פון אינדרויסן, איז דאס בכלל נישט קיין סוד פאר אלע וואס זענען אביסל באקאנט מיט וואס טוט זיך אינערווייניג אין קאסוב, אדער פאר ווער אימער ס'האט נאר אמאל געהאט שייכות מיט י"ש אדער פארברענגט געגוג מיט איהם. אדרבה, זאל זיך יעדער אליין נאכפרעגן און מברר זיין אויב זאגן מיר דא ליגענט אדער זענען מגזים.

איי העט איהר פרעגן, מ'האט שוין געהערט אזוינס. ס'איז נישט די ערשטע גדול וואס האט נעבעך א זוהן א ליידיגייער און א פוסטע שטריק. וואס איז די גרויסע וויי געשריי? איז אזוי.

ווען י"ש, וואס ווייסט אליין וואס פאר א בור ריק און נחש ער איז, וואלט ווען געווען א מכיר את מקומו, און וואלט זיך נישט אריינגעמישט אין די ענינים פון די ציבור, וואלט גוט געווען. דער פראבלעם איז אז ער איז אן עושה מעשה זימרי ומבקש כבוד ושררה כפנחס! כבוד אין קאסוב האט פארפירט מ'מיז איהם געבן. לדוגמה ס'איז שוין יארן וואס ער דאווענט שחרית ימים נוראים. יא. דער נָבָר האט פארפירט און איבערגעדרייט די שטוב אז מ'מיז איהם געבן די ברעטל ימים נוראים אין די תפלות וואס זיין טאטע דאווענעט נישט פארן עמוד.

עס איז וויכטיג דא זיך אפשטעלן און צו קלאר מאכן עפעס. מען דארף פארשטיין אז די גאנצע אזוי גערופענע "קאסוב'ער חסידות" איז קיינמאל נישט געווען א "פירמע", א שטייגער פון אלע גרויסע חסידות וואס מ'ווערט דערון געבוירן, און פון געבורט און ווייטער איז מען אין די "סיסטעם". די גאנצע חסידות פון א' ביז ת' באשטייט נאר פון "מבקשים" – מענשטן וואס זענען אוועק פון זייער פאלץ ווייל זיי האבן געזוכט א הייליגע פלאץ און געוואלט זיל מתחמם זיין מאורו הגדול פון דער רבי זצ"ל. קיינער איז נישט געקומען "ווייל זיין זיידע האט שוין דא געדאווענט". ממילא קען מען פארשטיין די גרויסקייט פון די ווייטאג און עגמת נפש פאר די אלע ערליכע אידן וואס זענען געקומען דאווענען בצלו של צדיק און זענען אבער געשטראפט געווארן צו הערן שחרית פון אליידיגייער וואס האט נישט קיין שמץ יראת שמים.

נישט נאר האט ער זיך ארויפגעצווינגען מיט זיינע תחבולות מ'זאל איהם צושיקן צום עמוד וויסנדיג אז קיינער בלי שום יוצא מן הכלל (ניין. איך בין נישט מגזים! קיין!-איינ!-ער!) וויל איהם נישט הערן, האט ער אויך במזיד אויסגעצויגן די דאווענען און געקראכן אויף די נערוון פון די גאנצע שוהל. דער פראלעם איז נאך געווען אסאך גרעסער, ווייל ווי לענגער ער האט זיך גע'חזן'ט, אלץ ווייניגער צייט איז געווען פאר זיין פאטער - ווען דער עולם איז געקומען הערן! - צו דאווענען.

סארי, איך האב געמאכט א טעות. נישט די גאנצע דאווענען האט ער אויסגעצויגן. ביי די אלע שטיקלעך יוצר, וואס דער גאנצער עולם זאגט אליין, האט ער פלוצים זיך גענומען אזוינס כיפערן אז ס'איז נישט געווען במציאות שבעולם אז ער געזאגט יעדעסווארט. אבער זייענדיג א נארסעסיסט בעל גאה און עזות פנים איז איהם נישט אנגעגאנגען קיין כי הוא זה אז הונדערטער ערליכע אידן ווילן דאווענען צום אויבערשטער. נאר אזוי ווי אלע ליידיגייער האט ער האט פשוט נישט געהאט קיין געדולד עס צו זאגן און די גאנצע ציבור ערליכע אידן קענען גיי פייפן.

מיינט איהר אפשר אז ער האט מכוון געווען גרויסע כוונות וואס האט גענומען לאנג, קען אייך זאגן קלאר אז פון די עם הארצות וויאזוי ער האט געזעצט אנדערע ווערטער, האט יעדער איינער געזעהן אז ניטאמאל פירוש המילות האט ער זיך פארגעקוקט! ווען נישט די צער און בושות וואלטן אלע זיינע טעותים געווען גוט צו משמח זיין ביי א שבע ברכות...

שטעלט אייך פאר די הרגשה פון אן ערנסטער אינגערמאן, א ירא שמים, וואס איז אוועק פון זיין קביאות'דיגע מקום תפלה און איז געקומען דאווענען מיט א צדיק, און טיף אינמיטן פסוקי דזמרא פון ראש השנה און יום כיפור זעהט ער ווי עס שפארצירט אריין אן אנגעפאשעטער אינגערמאן, מיט א בארד וואס איז קלאר אז ס'איז ממש יעצט אויסגעקעמט געווארן ביי א שפיגל און מיט גלאצעדיגע גע'דזשעלטע פיאות וואס איז

נישט מעגליך צו אזוי מאכן אן מחלל יו״ט זיין! און נישט מער נישט ווייניגער רוקט זיך יענער צו צום עמוד אין אזא הייליגע טאג.

גלייבט׳ס אונז, אז דאס איז נאר איין דוגמה און א טיפה מן הים פון וואס קאסוב׳ער חסידים זענען סובל פון דער מושחת און עזות פנים. נאר היות דער רבי האט עס געשלינגן אלע יארן, האט דאס געצווינגען אויך די חסידים בלית ברירה צו ארבעטן אויף די מידות פון סבלנות און ותרנות, און פשוט ליידן און שווייגן.

נאכן פטירה פון רבינו הקוה״ט זצ״ל איז געווען קלאר און ברור כשמש ביי יעדן איינעם בלי שום יוצא מן הכלל, אז אויב נעמט י״ש עפעס איבער, איז די גאנצע חסידות בטל ומבוטל אין א רגע כמימרא.נאכאמל, דאס איז נישט א פירמע וואס די זוהן ירש׳נט סיי ווי צו ער איז יא ראוי אדער נישט. די גאנצע יסוד פון די חסידות/קהילה איז פשוט דינען דעם אויבערשטער באמת! קיינער איז נישט דא ווייל ער איז שוין ממילא דא. אויב וואלט י״ש איבערגענומען די הנהגה, וואלט ער נישט סתם זיך געמיטשעט מיט מנין, ער וואלט אפילו נישט געהאט קיין מזומן. מיר זאגן עס איבער נאכאמאל כדי מ׳זאל נישט מיינען עס איז עס אבי גערעדט. עס איז נישט קיין ספק ביי יעדן איינעם אז ס׳איז נישט דא **קיינער** וואס וואלט געבליבן אין דעם בית המדרש דאווענען אויב וואלט ער איבערגענומען.

און ער ווייסט דאס!!! ער איז נישט קיין בהמה. און ער ווייסט אז ער פארקויפט נישט גארנישט און אז פון דער גאנצער עולם וואס האט זיך געדרייט ביי זיין טאטע איז נישט דא אפילו איינער וואס וואלט ווען געהאט שייכות מיט איהם בכלל ווען זיי האבן די ברירה.

אין די גאנצע היימישע וועלט, וואס איז מעגליך אומוויסנד פון וועמען מ׳רעדט דא, האט מען אפשר טאקע באוואונדערט דאס אז ער האט לכאורה ״אפגעטרעטן״ פון די הנהגה, אבער ליידער איז דער אמת אז אויב האבן חסידים געהאפט אז מיט דער פטירה פונעם צדיק וועט שוין פטור ווערן פון דעם פגע רעה און צרה, זענען זיי ליידער געוואויר געווארן, אז נישט נאר איז דער פרע אדם נישט נעלם געווארן, נאר אז זיין עזות חוצפה און רשעות איז גאר געוואקסן און מיט זיינע בייזוויליגע פלענער ארבעט ער שווער ממש צו אונטערברעגן די גאנצע פלאץ פשוטו כמשמעו! ווייל אז ער קען עס נישט האבן, קען עס קיינער נישט האבן! געזאגט האט ער ביי די לוי׳ אז ער וועט ״שטיין צו די האנט פון זיין ברודער״ (וואס וואלט געמיינט ער ווערט נעלם אויף אייביג פון די פלאץ!) למעשה הויערט ער אויף זיין אינגערן ברודער ווי א גראבע געמיינע אומגערופענע גאסט וואס פרעסט אויף אפילו די עסן פון זיין גאסטגעבער.

די משפחה, די גבאים, און די גאנצע קהילה האבן נעבעך געהאפט אז מיט׳ן מאכן די שפיל ביי די לוי׳, כאילו מ׳שטעלט צוויי רבי׳ס און י״ש זאגט עס אפ, וועט עס צופרידן שטעלן דעם פארשוין. ליידער האט ער כדרכו געהאט אנדערע פלענער. תיכף נאכן לוי׳ האט ער אנגעהויבן מאכן קלאר אז ער האט זיך נאר אפגעזאגט פון ״פירן״ די קהילה, אבער ער איז נאך אלץ א ״רבי״!... סוף כל סוף האט מען דאך איהם מכתיר געווען, ממילא איז די קהילה ״מחיוב״ איהם צו אפגעבן כבוד ווי ער איז א רבי. ער גייט אן אויפהער צו די מאמע (אן אלמנה וואס יעצט באגראבן איהר מאן!) משוגע מאכן אז זי זאל אנזאגן די גבאים און די ראשי קהילה אז ״מ׳טאר איהם נישט ווי טוהן...״

בקיצור, מיט זיינע אלע פאלשע וויינערייען, סטראשונגען און מאניפיאלאציעס איז איהם ליידער געלונגען צו צווינגען א קבוצה ערליכע אידן, וואס ווייסן קלאר וואס פאר א געמיינער ליידיגגייער ער איז, איהם צו מכבד זיין ווי א רבי ווייל "מ'טאר איהם נישט ווייטוהן"...

מיר פארשטייען אז פאר אסאך מענטשן ארום די וועלט, וואס קענען נישט אונזער קהילה זענען טאקע געווארן אביסל צומישט, היתכן ס'איז געווען צוויי בילדער פון צוויי ראש חודש טישן פון צוויי רבי'ס אויב איינער האט "אפגעטרעטן"?... אבער אונז, קאסוב'ער חסידים, ווייסן די ביטערער אמת. אונז ווייסן אז י"ש האט פארפירט נאך די שבעה, היתכן מ'האט פארגעסן אז ער האט נאר אפגעטרעטן פון זיין "די" רבי איז אבער נאך אלץ געבליבן "א" רבי, און מען דארף אויך מאכן א טראסק פון איהם. איז געגאנגען הנגיד ח"ס און איהם צוליב געטוהן, און געמאכט א פענסי פריוואטע ראש חודש טיש ווי דער ערוואקסענעם בעיבי קען שפילן רבי פאר עטליכע מינוט, מיינענדיג/האפענדיג נאכאמאל אז מיט איהם נאכגעבן אביסל אטענטשאן, וועט ער האפנטלעך זאט ווערן און אהיים גיין קיין לעיקוואד לעולם ועד.

אגב, אז מ'רעדט שוין פון לעיקוואד, איז וויכטיג צו באמערקן אז ס'איז שוין געווען א קאסוב'ער שול מיט א רב אין לעיקוואד פאר י"ש האט זיך אהין געצויגן. הרה"ג ר' ברוך שליט"א וואס איז שוין באקאנט אין שטאט אלץ גאר גרויסער ת"ח און דיין, פירט די קהילה דארט און איז גאר שטארק באליבט ביי די קאסוב'ער און אפילו פרעמדער עולם דארט. זיי האבן אפילו די וואך געקויפט א נייע שטח צו בויען א גרויסע שיינע שוהל פאר איהם. האט אבער די לעיקוואד'ער קהילה שנעל געמאכט א נייע סימבאל און אראפ גענומען די ווערטער "בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א" פאר גרויס פחד אז אפשר וועט דער פארשוין זיך חלום'ן אז די שוהל האט אויך עפעס שייכות מיט איהם.

קאסוב'ער חסידים האבן געהאפט און געהאפט אז נאך די גרויסע פארציע אטענטשאן פון די בילדער פון די ראש חודש טיש/פלעי, ווי ער טראגט די קאלפיק (וואס ער געכאפט פון די ירושה) ווי אלע ראשי ונכבדי הקהילה און גבאים פונעם רבי ז"ל האבן זיך באטייליגט, וועט ער אהיים גיין און לאזן מנוחה די צעבראכענע ציבור וואס וויל גארנישט מער ווי זיך מדבק זיין (אדער כאטש אויספראבירן) דעם נייעם רבי'ן, אבער ער האט געמאכט אנדערע בייזוויליגע רשעות'דיגע פלענער.

ווען ער האט געהערט אז – נישט ווי ארגינעל געפלאנט – גייט זיין ברודער נישט צוריק פארן פאר שבת צו א"י, נאר גייט יא מאכן די "ערשטע שבת" אין בארא פארק, האט ער נישט געקענט אויסהאלטן אז מ'גייט געבן פאר זיין ברודער אטענטשאן און פארגעסן פון איהם. כאטש ער ווייסט קלאר אז קיינער קיינער וויל איהם נישט זעהן, האט מחליט געווען אז ער קומט קיין בארא פארק אויף צו חרוב מאכן זיין ברודערס "ערשטע שבת".

און נישט סתם ער קומט ווי א חסיד צו א רבי, ער האט געפערליך פארפירט ביי זיין מאמע און ביי די גבאים אז מען מיז איהם געבן א גלייכע בענקל ווי מ'געבט פארן רבי'ן, און ער האט געפאדערט פון זיין ברודער דער רבי פונקטליך וועלכע כיבוד ער האלט ס'קומט זיך איהם. ער האט אפילו פארפירט אז מ'מיז איהם אויך אנגרייטן י"ב חלות ביי שלש סעודות פונקט ווי מ'גרייט זיין ברודער ווייל ער איז דאך א "רבי"...

קאסוב'ער חסידים וואס געקומען צום רבי'נס "ערשטע שבת" זענען ליידער באשטראפט געווארן צו מיט האלטן ווי א נידעריגער יונג נעמט אוועק די קבלת שבת פון זייער רבי ווייל "מ'טאר איהם נישט ווי טוהן"... און אזוי אויך נאך זאכן וואס דער רבי דארף זאגן במשך שבת ווי פארזינגען די זמירות ביי שלש סעודות וכדו' די אלעס האט ער **באשטעלט פון פאראויס!** אז מ'מיז איהם געבן! (אגב, ס'איז זעלבספארשטענדליך אז תורה זאגן האט ער נישט פארפירט אז ער מיז אויך זאגן...)

וועט איהר אודאי פרעגן פארוואס לאזט מען זיך? איז פשוט. דער רבי שליט"א האט געלאזט וויסן אז אויב מ'גייט טשעפענען זיין ברודער און איהם נישט צושטען **אלעס** וואס ער בעט, פארט ער צוריק קיין א"י און בלייבט דארט וואוינען! ער טענה'ט אז ס'איז איהם פונקט גוט די קליינע שטיבל אין ירושלים, און דארף נישט די גאנצע זאך אויב גייט איינער טשעפענען מיט י"ש. די באפעל פון דער רבי איז געווען קלאר און דייטליך "ער געבט אלעס נאך פאר י"ש וואס ער וויל" אפילו אויב עס מיינט אז די גאנצע חסידות קען צופאלן.

און י"ש ווייסט דאס! ער ווייסט אז זיין ברודער איז אן עניו ושפל און איז גרייט אלעס מוותר זיין, און ער ווייסט אויך אז דער עולם האט איהם ממש פיינט און קען איהם נישט דערליידן, דאך האט ער א ספעצילע סאדיסטישע הנאה צו זעהן ווי דער עולם פלאצט און ווערט געפיינוגט פון זיין שטיק און קענען גארנישט טוהן דערוועגן. עס איז זייער מעגליך אז ער טוט דאס אלעס אלץ א נקמה אין זיין טאטע פאר דעם וואס זיין טאטע האט נישט געוואלט ער זאל האבן קיין שום פאסטן אין די קהילה. אבער למעשה איז עס פאר י"ש א בחינה פון תמות נפשי עם פלשתים. ער גרייט זיך מיט וויפיל ער קען צו אונטערברענגען און חרוב מאכן די גאנצע קהילה פון זיין ברודער דורך זיך ארויף צווינגען די מאקסימום וואס איז נאר מעגליך אויף די אלע מענשטן וואס ווילן איהם נישט אפילו קענען.

ליידער ליידער איז דא ערענסטע טשאנסן אז ער גייט מצליח זיין אין מאכן א חורבן. עס איז שוין דא א גרויסע קבוצה קאסוב'ער חסידים וואס האבן שוין מודיע געווען אז אויב קומט דער שגץ אויף ראש השנה, קומען זיי נישט מער צום רבי'ן. אנדערע פלאנען צו פשוט אוועקגיין די תפילות וואס ער גייט אוועקכאפן פון זיין ברודער.

פארשטייט איהר שוין פארוואס עס טוט וויי. און אז ס'טוט וויי, שרייט מען...

**חסידי קאסוב הכואבים**